


טעאַטער־קרייז א.ג. „יידישע בינע" אין יאָר 1930

פון רעכטס צו לינקס (אין פראָנט): רחל זאַקס, ש. פּאָדעס, שושנה זאַקס. (ערשטע ריי): יהודית סילמאַן, חיה סעגאַל, יעקב גינטער בערל ראָזענבערג, לייב זשאַבינסקי, יוסף ווייט, חסיה זאַקס. (צווייטע ריי): פּייוול יעדואַב, נחמה בערענסאָן שלמה מענדעלסאָן, שפּרינצע סילמאַן (נייהויז), ראָזנער, שמואל אַלאָני, צייפּריס, מאַניע ראָזענבלאַט, חיה באַרג.

## חיים ראָזנשטיין

# דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה" אין מעלבורן

סוף 1942 איז דערשינען דער „צווייטער אויסטראַליש־יידישער אַל־מאַנאַך", אין וועלכן ס'איז געדרוקט מיין אַרבעט „יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע", וואָס האָט געהאַט פאַר אַ אויפגאַבע צו דערציילן די געשיכטע פון יידישן טעאַטער אויפן ווייטסטן קאָנטינענט.

צו יענער צייט, 1942, האָט דאָס יידישע אויסטראַליע געציילט אַרום דרייסיק טויזנט נפשות, אַ העלפט פון וועלכע זענען געווען אַסימילירטע יידן פון ענגליש־דייטשן שניט: יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שייכות מיט דער יידישער שפּראַך, און אַוודאי נישט מיט דער יידישער קולטור.

דאָס, וואָס קאָן און דאַרף אַנגערופן ווערן יידיש לעבן, אַזוי ווי מיר פאַרשטייען עס, איז ביז דעמאָלט אויסגעטראַגן געוואָרן נישט מער ווי דורך עטלעכע טויזנט יידישע יידן, צעשפּרייטע איבער די פיר גרעסטע אויסטראַלישע שטעט: מעלבורן, סידנעי, פּערט און בריזבעין. כדי צו זיין גענויער, קומען אייגנטלעך אין באַטראַכט נאָר די ערשטע דריי שטעט, ווייל בריזבעין האָט בלויז עטלעכע יאָר אַרויסגעוויזן אַ סימן פון יידיש לעבן, און דווקא אויפן געביט פון יידישן טעאַטער. מיט דער צייט, ווען דער יידישער עמיגראַציע־שטראָם, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך פאַרשטאַרקט און איז, קודם־כּל, געגאַנגען אין די צוויי גרעסטע שטעט, איז אויך פּערט אַרויסגעפאַלן פון צעטל פון יידיש־יידישער טע־טיקייט, און עס זענען געבליבן בלויז מעלבורן און סידנעי. פון די צוויי שטעט פאַרנעמט מעלבורן דעם אויבנאַן אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן, ספּעציעל אין דעם יידיש־יידישן סעקטאָר. עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז ווען נישט דאָס יידישע מעלבורן מיט אירע, היינט־צו־טאָג, קנאַפּע צוואַנציק טויזנט יידישע יידן, וואָלט בכלל שווער געווען צו רעדן וועגן אַ יידישער קולטור־טעטיקייט אין אויסטראַליע.

דאָס אויבן־געזאָגטע איז נישט קיין אויסדרוק פון לאָקאַל פּאַטריאָ־טיזם, נאָר אַ פעסטשטעלונג ווי און דורך וועמען אונדזער יידיש־אַרבעט

ווערט דאָ היינט אויסגעטראָגן. ווייל דאָרט, וווּ ס'איז פֿאַראַן גוטער ווילן און איניציאַטיוו, איז דאָ פּלאַץ פֿאַר אַ ברייט־פֿאַרצווייגטער ייִדישער קולטור־אַרבעט, אַפֿילו אין אַזאַ ווייט־פֿאַרוואָרפֿענעם וועלט־טייל, ווי אויסטראַליע.

מײַן אַרבעט אין צווייטן אויסטראַליש־ייִדישן אַלמאַנאַך האָט גע־הייסן: „ייִדיש טעאַטער אין אויסטראַליע", אָבער זינט סוף 1941 איז ווייניק וואָס פֿאַראַן צו שרײַבן וועגן ייִדיש טעאַטער אין אַנדערע שטעט אויסער מעלבורן. און דערפֿאַר דער נאָמען אינעם קעפּל: „דוד הערמאַן טעאַטער־קרײַז בײַ דער „קדימה" אין מעלבורן", וועמענס טעטיקייט מיר וועלן דאָ אַרומרעדן.

די גרינדער פֿונעם קרײַז, וועמענס ערשטער פּרעזידענט איז פֿאַר לאַנגע יאָרן געווען יעקב גינטער, און, צו יענער צײַט, דער זייער אַקטיווער מרדכי שעכטער, האָבן זיך געשטעלט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע צו שפּילן גוט ייִדיש טעאַטער. אין די ספּעציפֿישע עמיגראַציע־באַדינגונגען, ספּעציעל אין אַ קליינעם ייִדישן קיבוץ, איז לײַכטער אָנצונעמען אַזאַ באַשלוס, ווי אים אויסצופֿירן. ווײַל גוט ייִדיש טעאַטער דאַרף אַ ספּעציעלן עולם: אַן עולם וואָס פֿאַרשטייט און האָט אַ באַדערפֿעניש פֿאַר דעם מין אויפֿ־פֿירונגען.

אין אַ גרויסן ייִדישן קיבוץ איז פֿאַראַן אַן עולם פֿאַר אַלערליי מינים ייִדיש טעאַטער, אָבער אין אַ קליינער ייִדישער קהילה איז אַזאַ מין סעגרעגאַציע אַ גאַר שווערער ענין. אַגב ווייסן מיר פֿון לאַנגער דער־פֿאַרונג, אַז טעאַטער־גייער, בײַ אַלע פֿעלקער, זוכן קודם־כּל אין טעאַטער פֿאַרווײַלונג, און גייען נישט גערן זען אַן ערנסטע פֿאָרשטעלונג. דאָס ייִדישע מעלבורן האָט, אין דעם פֿאַל, נישט געקאָנט זײַן קיין אויסנאַם, און דאָר איז דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרײַז ביז איצט געלונגען צו פֿירן אַ טעטיקייט, וועלכע איז כּמעט אַן אויסנאַם אין דער ייִדישער טעאַטער־וועלט.

סײַ דער רעפּערטואַר, סײַ דער ניוואָ פֿון די אויפֿפֿירונגען זענען מײַסטנס געשטאַנען אויף אַ הויך, וועלכן אַ ייִדישער טעאַטער־קרײַז האָט, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, זעלטן ווען ערגעץ דערגרייכט.

די אַ ווערטער פֿון אָנערקענונג זענען פֿאַר דעם קרײַז אַלס אַזעלכן, פֿאַר אירע צוויי הויפּט־רעזשיסערן: די קינסטלער יעקב ווייסליץ און רחל האָלצער, ווי אויך פֿאַר די צוויי־דרײַ טוצנט געשוווירענע ייִדישע טעאַ־טער־גייער, וועלכע האָבן דאָ געהאָלפֿן אויפֿהאַלטן גוט ייִדיש טעאַטער.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן נאָך אַ נאָמען, וועלכן מיר אַלע האָבן זייער אַ סך צו פֿאַרדאַנקען, אויב מיר רעדן וועגן ייִדישער קולטור־אַרבעט אין





דוד הערמאַן טעאַטער־קרײַז אין אָנהויב פֿערציקער יאָרן

ערשטע ריי (פֿון רעכטס צו לינקס): ראָזע אובאַר, רחל לעוויטאַ, דאָראַ ראָטמאַן פֿייגע מראָצקי, מילאַ ווייסליץ, יוכבד ווייסליץ, יעקב ווייסליץ, רחל האָלצער, יעקב גינטער, סאָניאַ ראָזענבערג־דאַווידאָוויטש, מאָטל ראָטפּאַרב.

צווייטע ריי: מאַריאַן דאָמבראָווסקי, זיגמונד ברוסטמאַן, יהודית סילמאַן, שמואל מיגדאַלעק, צבי גערשאָן, ישראל ראָטמאַן, ישראל קראַוואַט, חוה מילעצקי, שמואל האָכגעלערנטער, חנה לייט, דוד ווייסליץ, חיים ראָזענשטיין, טויבע גינטער, לאה צוקער, לואי יעדוואַב, מרים ראַכלין.

דריטע ריי: בנימין גאָלדשטיין, חוה עסטרייך, אברהם וואַלד, סעם פּאָדעס, נתן פּאָגעל, רחל וואַלד, אײַזיק לאַנגזאַם, שמואל קינג, יאַשאַ שער, בערל ראָזענבערג, ישראל בלוטאַל. (אויפֿן בילד שלמה ווין).

מעלבורן. דאָס איז די „קדימה", די זייער פאַרדינסטפולע יידישע קולטור־אינסטיטוציע. אַ דאַנק וועלכער ס'איז מעגלעך געווען פאַר די אַלע יאָרן אָנצוגיין מיט יידיש טעאַטער אין ווייטן אויסטראַליע. דער אָפיציעלער נאָמען פון דעם טעאַטער־קרייז וועגן וועלכן מיר רעדן איז: „טעאַטער־קרייז אויפן נאָמען דוד הערמאַן ביי דער „קדימה". אָן דער „קדימה"־היים וואָלט, וואָרשיינלעך, קיין גוט יידיש טעאַטער אין מעלבורן (לייען: אויסטראַליע), נישט געקאָנט עקזיסטירן.

מיר האָבן אויך געהאַט פאַר די יאָרן, וועלכע דער באַריכט נעמט אַרום, אַ רייע חשובע יידישע טעאַטער־געסט פון אַנדערע לענדער. זיגמונט טורקאָוו מיט זיין פרוי ראָזאַ האָבן דאָ געשפּילט אַ גאַנצן סעזאָן. אידאַ קאַמינסקאַ האָט דאָ געשטעלט צוויי פּיעסן, ווי אויך אַן אָוונט פון איינ־אַקטערס. צוזאַמען מיט פרוי קאַמינסקאַ זענען געקומען פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין פּוילן די אַרטיסטן: מאיר מעלמאַן, רות טורקאָוו־קאַמינסקאַ און קאַראָל לאַטאָוויטש. חייהלע גראָבער האָט דאָ געהאַט די פּרעמיערע פון איר פּיעסע: „אויף פרידלעכער ערד". יוסף שיין האָט ביי אונדז געשטעלט דריי פּיעסעס. שמעון דזשיגאַן האָט אויפגעפירט דריי רעוויע־פּראָגראַמען. צוזאַמען מיט דזשיגאַנען איז אויפגעטרעטן די ישראל־זינגערין כוכבה הררי. יעדער פון די דערמאַנטע גאַסט־קינסטלער האָט, אויף זיין אופן, ביי געטראָגן עפּעס אייגנאַרטיקס צו דער היגער טעאַטער־אַרבעט, צוגעגעבן קאָליר און שווונג.

אין צווייטן אַלמאַנאַך האָב איך געשריבן: „מיר האָבן נישט גע־האַלטן כּאָר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע: דערפאָלג פון דער אָדער יענער פּיעסע. און דאָס דערפאַר, ווייל אין די היגע באַדינגונגען, וווּ אַ פּיעסע ווערט נישט מער געשפּילט ווי צוויי מאָל, איז אָביעקטיוו שווער פעסטצושטעלן, וועלכע פּיעסע האָט געהאַט דערפאָלג און די סיבות פון איר דערפאָלג". היינט איז די לאַגע אַן אַנדערע. אַ פּיעסע ווערט איצט געשפּילט נישט ווייניקער ווי 4—5 מאָל, און אויב זי געפעלט, ווערט זי אַפילו געשפּילט צען מאָל. די צאָל באַזוכער פון יעדער אויפ־פירונג וואַקלט זיך צווישן טויזנט ביז איבער צוויי טויזנט. אַ טייל פּיעסעס ווערן באַנייט נאָך עטלעכע יאָר און ווערן ווידער געשפּילט מיט אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג.

אין דורכשניט האָט דער טעאַטער־קרייז צוויי פּרעמיערעס אַ יאָר. אָבער אונדזער טעאַטער־עולם וואָלט גערן אויפגענומען אַפילו פיר אויפ־פירונגען אַ סעזאָן. צוויי גרונט־שוועריקייטן זענען גורם די באַגרע־נעצטע צאָל פּרעמיערעס:

א) — דער מאַנגל אין אַ פּאַסיקן רעפּערטואַר:

ב) — די באַגרענעצטע אַרבעטס־מעגלעכקייטן פון דעם טעאַטער־







זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין 1955

פון רעכטס צו לינקס: לאה צוקער, ד. ניסענבוים, ש. האָכגעלערנטער, ש. טיגעל, צ. גערשאָוו, זיגמונט טורקאָוו, ראָזאַ טורקאָוו, י. ראָטמאַן, מ. צעפּראָוו, יאַשאַ שער, רחל בעקער.



יידישע אַרטיסטן פון פּוילן אויף אַ קבלת פּנים אין „קדימה" אין 1960

פון רעכטס צו לינקס: קאַראָל לאַטאָוויטש, י. ווייסליץ, ר. האָלצער, מאיר מעלמאַן, ס. בורשטין, אידאַ קאַמינסקאַ, רות קאַמינסקאַ.



יוסף שיין ביים אָנקומען קיין מעלבורן אין יאָר 1964

פון רעכטס צו לינקס: רחל לעוויטאַ, ס. בורשטין, יוסף שיין, ב. ווינער, ש. טיגעל, טויבע גינטער, י. שער.

קרייז אַלס רעזולטאַט פון די ספּעציפישע היגע באַדינגונגען. דאָס צו־גרייטן אַ פּיעסע דויערט עטלעכע חדשים, שוין אָפּגערעדט פון אַנדערע, נישט פאָראויסגעזעענע שטערונגען.

מיט דעם געזאָגטן ביז איך נישט אויסן געווען צו מינערן דעם ווערט און באַדייט פון דער אַזוי וויכטיקער טעאַטער־אַרבעט פון דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז. איך בין בלויז אויסן געווען אַנצווייזן אויף דער אייגנאַרטיקייט פון די היגע באַדינגונגען, וועלכע קאָמפּליצירן, אין אַ גרויסער מאָס, די טעטיקייט פון יידיש טעאַטער אין מעלבורן. און ווייל די טעאַטער־טעטיקייט איז אַזוי קאָמפּליצירט, דאַרף נאָך מער אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַרדינסט פון דעם „קדימה"־טעאַטער־קרייז, וועלכער היט אַזוי טריי אָפּ דעם נאָמען — דוד הערמאַן — איינעם פון די שענסטע בויער און שעפער פון גוטן יידישן טעאַטער.

* * *

אין צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך האָב איך דעם באַריכט פון טעאַטער־רעפּערטואַר פאַרענדיקט מיט דער דאַטע פון סוף 1941. דאָס איז געווען די צייט, ווען יאַפּאַנס אַריינטרעטן אין קריג האָט איבער־געטראָגן די פראָנט־ליניעס פון דער מלחמה נאָענט צו די ברעגעס פון אויסטראַליע. דאָס לאַנד האָט זיך גענומען פיבערהאַפט גרייטן צום פאַר־טיידיקן. מענער, ביז עטלעכע פערציק יאָר אַלט, זענען אַוועק אין דער אַרמיי, און די יידן, נישט־בירגער אין מיליטער־עלטער, זענען אַריינגע־צויגן געוואָרן אין ספּעציעלע הינטער־פראָנט־פאָרמאַציעס. עס האָבן אויך אָנגעהויבן אָהער דערגיין די גרויל־ידיעות פון דער ווייטער אייראָפּע וועגן די נאַצישע מערדערייען איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אין די באַ־דינגונגען איז דעם טעאַטער־קרייז שווער געוואָרן אַנצוגיין מיט זיין אַרבעט. פאָרשטעלונגען זענען זעלטן פאָרגעקומען. אַ טייל פון דער טעאַ־טער־טעטיקייט איז געווען געווידמעט פאַרשידענע יידישע און נישט־יידישע מלחמה־הילפס־פאָנדן און אַפּילן. דער־אַ צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן ביז די שפּעטערע פערציקער יאָרן. דער נייער עמיגראַציע־שטראָם, פון די גע־ראַטעוועטע פון היטלער־גיהנום, האָט אויך אָהערגעבראַכט אַ גרופּע פעאיקע אַמאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין טעאַטער־קרייז. די דוד הערמאַן־גרופּע, אַ שטאַרק אויסגעוואַקסענע, האָט באַנייט איר טעטיקייט. אויך די פּעריפעריע פון יידישע טעאַטער־אָפּנעמער איז גע־וואָרן פיל גרעסער ווי פאַר דער מלחמה.

דער רעפּערטואַר־באַריכט, וועלכן מיר גיבן דאָ ווייטער, באַציט זיך בלויז צו דער טעטיקייט פון דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה" און נעמט אַרום די יאָרן 1942—1965.







רחל האַלצער




אַ פּלאַקאַט פון „שמאַטעס" פון ה. לייוויק, אויפגעפירט צו ליי־וויקס ערשטן יאָרצייט דורך דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז. רעזשי: רחל האַלצער.

| יאָר | פּיעסע | מחבר | רעזשי | יידיש | נעשפּילט פאָרשט. |
|---|---|---|---|---|---|
| 1942 | „דער שאָטן" | ד. ניקאָדעמי | רחל האַלצער | ה. ראָזנשטיין | 2 |
| 1942 | „אַ מיליאָן צרות" | וו. קאַטאַיעוו | יעקב וויסליץ | | 1 |
| 1943 | „שווער צו זיין אַ ייד" | שלום־עליכם | יעקב וויסליץ | | 1 |
| 1944 | „דער מבול" | ה. בערגער | יעקב וויסליץ | | 1 |
| 1944 | „200.000" | שלום־עליכם | יעקב וויסליץ | | 1 |
| 1945 | „אונדזער ערד" | א. אשמאַן | יעקב וויסליץ | ח. נורט | 5 |
| 1947 | „אונדזער ערד" | א. אשמאַן | יעקב וויסליץ | ח. נורט | 2 |
| 1947 | „שווער צו זיין אַ ייד" | שלום־עליכם | יעקב וויסליץ | | 1 |
| 1947 | „דער פֿאָטער" | א. סטרינדבערג | רחל האַלצער | | 2 |
| 1948 | „מירעלע אפרת" | י. גאָרדין | רחל האַלצער | | 4 |
| 1948 | „די כישופמאַכערין" | גאָלדפאַדן־מאַנגער | א. ברייזבלאַט | | 3 |
| 1948 | „פרוי אַדוואָקאַט" | ל. וועלנעיל | רחל האַלצער | ח. ראָזנשטיין | 2 |
| 1949 | „גאָט, מענטש און טייוול" | י. גאָרדין | י. גרינהויז | | 4 |
| 1949 | „די כישופמאַכערין" | גאָלדפאַדן־מאַנגער | א. ברייזבלאַט | | 1 |
| 1949 | „גרינע פעלדער" | פּרץ הירשביין | מרדכי שעכטער | | 2 |
| 1950 | „בערבות הנגב" | י. מאָסינזאָן | רחל האַלצער | ל. סוקאָוואָלסקי | 7 |
| 1950 | „גאָט, מענטש און טייוול" | י. גאָרדין | י. גרינהויז | | 1 |
| 1950 | רעוויו־אָוונט | | משה פּאָטאַשינסקי — מ. וויסליץ | | 1 |
| 1951 | „200.000" | שלום־עליכם | יעקב וויסליץ | | 2 |
| 1951 | „אונדזער ערד" | א. אשמאַן | יעקב וויסליץ | ח. נורט | 2 |
| 1951 | „מירעלע אפרת" | י. גאָרדין | רחל האַלצער | | 1 |
| 1952 | „דריי פּרויען" | מאַראַזשמשעפּקאָווסקאַ | רחל האַלצער | ח. ראָזנשטיין | 3 |
| 1952 | „קידוש השם" | שלום אַש | יעקב וויסליץ | | 6 |
| 1952 | פּרץ־פאַרשטעלונג | י. ל. פּרץ | יעקב וויסליץ | | 2 |
| 1952 | „פּרנסה" | ח. גאָטעספעלד | יעקב וויסליץ | | 6 |
| 1953 | „מאַראַם רולסקאַ" | ג. זאַפּאָלסקאַ | רחל האַלצער | ח. ראָזנשטיין | 7 |
| 1953 | „בית הלל" | משה שמיר | יעקב וויסליץ | ח. נורט | 4 |
| 1953 | „דער דאָרפס יונג" | ל. קאָברין | יעקב וויסליץ | | 4 |
| 1953 | „דער פּאָעט איז בלינד געוואָרן" | ה. לייוויק | יעקב וויסליץ | | 2 |
| 1954 | „הערשעלע אָסטראָפּאָלער" | י. גערשנזאָן | יעקב וויסליץ | | 7 |
| 1954 | „מיט אָפענע אויגן" | ל. מלאך | רחל האַלצער | | 8 |
| 1955 | „אַנקל מאָזעס" | שלום אַש | זיגמונט טורקאָוו | | 6 |
| 1955 | „זינג מיין פֿאָלק" | זיגמונט טורקאָוו | זיגמונט טורקאָוו | | 10 |
| 1955 | „אויף די מויערן פון ירושלים" | י. בר יוסף | זיגמונט טורקאָוו | | 7 |
| 1955 | שלום־עליכם אָקטן | שלום־עליכם | זיגמונט טורקאָוו | | 2 |
| 1956 | „רויטע רויזן" | א. דע־בענעדעטי | רחל האַלצער | ח. ראָזנשטיין | 9 |
| 1956 | „שרגי פּיוויש נייט קיין נגב" | י. סלע | יעקב וויסליץ | י. טאַוב | 4 |
| 1956 | „200.000" | שלום־עליכם | יעקב וויסליץ | | 3 |
| 1957 | „דער דיבוק" | ש. אַנסקי | יעקב וויסליץ | | 6 |
| 1957 | „אויף פרעמדער ערד" | הייעלע גראַבער | הייעלע גראַבער | | 5 |
| 1957 | „די גרעפין פון פּאַלאַין" | ל. גאָלדבערג | יעקב וויסליץ | י. טאַוב | 7 |
| 1958 | „דער אוצר" | דוד פּינסקי | משה פּאָטאַשינסקי | | 8 |
| 1958 | „די הילצערנע שיסל" | ע. מאָריס | יעקב וויסליץ | א. צימערמאַן | 10 |
| 1959 | „טביה דער מילכיקער" | שלום־עליכם | יעקב וויסליץ | | 5 |
| 1960 | „דער טויט פון סעילסמאַן" | אַרטור מילער | יעקב וויסליץ | י. מעצקער | 9 |
| 1960 | „ביימער שטאַרבן שטייענדיק" | א. קאַסאָנאַ | אידאַ קאַמינסקאַ | | 2 |
| 1960 | „מירעלע אפרת" | י. גאָרדין | אידאַ קאַמינסקאַ | | 3 |
| 1960 | איינאַקטער־אָוונט | | אידאַ קאַמינסקאַ | | 2 |
| 1961 | „אַ מאָלדיקער שטריק" | מיכל ברעט | רחל האַלצער | ח. ראָזנשטיין | 7 |
| 1962 | בעקלײן־צענטער | א. גילנער | יעקב וויסליץ | | 10 |
| 1963 | „די כישופמאַכערין" | גאָלדפאַדן־מאַנגער | א. ברייזבלאַט | | 11 |
| 1963 | „שמאָטעס" | ה. לייוויק | רחל האַלצער | | 8 |
| 1964 | „זיין נאָמען רעדט שוין פאַר זיך" | אפרים קישון | יוסף שיין | | 8 |
| 1964 | „די בלאָנדזשענדיקע שטערן" | שלום עליכם | יוסף שיין | | 12 |
| 1964 | „צוויי קוני לעמל" | אברהם גאָלדפאַדן | יוסף שיין | | 7 |
| 1965 | „פרוי אַדוואָקאַט" | ל. וועלנעיל | רחל האַלצער | | 9 |
| 1965 | „גוט יום־טוב" | רעוויו | שמעון דזשיגאַן | | 3 |
| 1965 | „פּריש, געזונט און משוגע" | רעוויו | שמעון דזשיגאַן | | 3 |
| 1965 | „זאָל זיין צום גוטן" | רעוויו | שמעון דזשיגאַן | | 3 |







אויפן קבלת־פּנים־אָוונט פאַר שמעון דזשיגאַן און פרוי און כוכבה הררי אין 1965.

עס זיצן (פון רעכטס צו לינקס): ל. לאַסקי, כוכבה הררי, י. ריימער, שמעון דזשיגאַן, פרוי דזשיגאַן.

עס שטייען (פון רעכטס צו לינקס): ש. טיגעל, רחל האַלצער, י. שער, ל. פרידמאַן, ס. בורשטין, י. לעוויטאַן, י. שפּערלינג.

די כראנאלאגישע רשימה פון די אויפפירונגען שטיצט זיך אויף די מאטעריאלן, וועלכע ס'איז מיר געלונגען צונויפצוזאמלען.

א טייל פון די דערמאנטע דא אויפפירונגען האט דער דוד הערמאן טעאטער־קרייז אויך געשפילט אין סידנעי, מייסטנס בלויז צו איין פאר־שטעלונג.

די טעטיקייט פון קרייז נעמט אויך ארום איינאקטער־ און רעוויו־אוונטן, אויפטריטן אינעם היגן מושב־זקנים און קאנצערטן לטובת פאר־שידענע הילפס־אינסטיטוציעס. דער קרייז האט אויך אנטיילגענומען אין פארשידענע אקאדעמיעס, אלערליי יובל־פייערונגען, פורים־אוונטן און אנדערע אונטערנעמונגען. עס וואלט פארנומען צו פיל פלאץ אויסצורע־כענען אלע אימפרעזעס, וועלכע ברענגען אריין אזוי פיל יום־טובדיקייט אינעם היגן יידישן לעבן.

מיר האלטן פאר נויטיק צו ברענגען א רשימה פון די אקטיווע קרייז־מיטגלידער, וועמענס מי אויפצוהאלטן די יידישע קולטור אין מעל־בורן איז ביז גאר וויכטיק. פרויען לויטן א"ב: איינהארן פראנקא, ברוסט־מאן סטעלא, בעקער רחל, בלושטיין לאה, גינטער טאבע, זילבערמאן חוה, זיידנבערג גיטל, לייט חנה, לעוויטא רחל, לוסטיק אידא, מילעצקי חוה, מאנדעלבוים ריטא, סילמאן יהודית, פריימאן מירא, צוקער לאה, קאכען פנינה, קאטלאזש חנה, ראטמאן דארא, ראכלין מרים, שטארד היה'לע, שוויאטלא חוה.

מענער: בלושטיין יעקב, ברוסטמאן זיגמונט, גערשאוו צבי, דעסויער יעקב, האכגעלערנטער שמואל, וויגושין אברהם, טיגעל שיע, לעווין יעקב, לוסטיק בערל, מיגדאלעק שמואל, מילכמאן יעקב, סיוואק פייוול, פאדעם ישעיה, צעפראוו מאיר, ציקערט אברהם, קינג שמעון, ראזענבערג בערל, ראטמאן ישראל, רייכשטיין שמחה, שווארץ שלום, שווארץ שמואל, שמערלינג מענדל, שעכטער מרדכי און שער יאשא, דער פארזיצער פונעם טעאטער־קרייז.

ביי דער געלעגנהייט דארף ספעציעל דערמאנט ווערן דער נאמען פון ארכיטעקט ראבערט ראש, דעם שעפער פון אריגינעלע דעקאראציע־פראיעקטן, ווי אויך די נעמען אהרן גורוויטש און מרדכי שעכטער פאר זייערע ביז גאר אינטערעסאנטע דעקאראציע־ארבעטן פאר א רייע אויפ־פירונגען פון דעם דוד הערמאן טעאטער־קרייז.

די זייער באגאבטע טענצערין רות בערגנער האט איינגעשטעלט א רייע כארעאגראפישע נומערן פאר פארשידענע אויפפירונגען. זי איז אויך אויפגעטרעטן אין עטלעכע „קדימה"־אונטערנעמונגען און געגעבן אייגענע טאנץ־קאנצערטן.







רות בערגנער פירט אויס א טאנץ אויף א באל פון טעאטער־קרייז.



ש. טיגעל און ש. מיגדאלעק אין „צוויי קוני לעמל" אין יאר 1964. רעזשי: יוסף שיין.

ווער עס וועט אויפמערקזאַם לייענען דעם צעטל פון די געשפּילטע מחברים, מוז קומען צום אויספיר, אַז דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז קומט אַן אָרט ביי דער מזרח־וואַנט פון גוטן יידישן טעאַטער.

ס'איז נישט מיין אויפגאַבע און נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו געבן אַפילו אַ קורצן איבערזיכט וועגן דעם קינסטלערישן ווערט פון די דער־מאָנטע דאָ אויפפירונגען. **די ווייט גרעסטע מערהייט פון זיי איז געווען רייף און גוט יידיש טעאַטער.**

מיין אַרבעט וואָלט נישט געווען פּאַרענדיקט, ווען כ'זאָל נישט, כאָטש אין עטלעכע ווערטער, רעזומירן די טעטיקייט פון דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה" פאַר די לעצטע 22 יאָר.

טעאַטער, אַפילו דאָס בעסטע, גייט קיינמאָל נישט אויף אַ גלייכער ליניע. צוליב פאַרשידענע סיבות מוז עס ערגעץ־ווו טיילמאָל געשטרויכלט ווערן. עס קאָן נישט זיין אַנדערש. די טעטיקייט פון אַ טעאַטער־קרייז גייט אוודאי נישט אויף אַ גלייכער ליניע. דאָ זענען פאַראַן אַ שיעור מער סיבות פאַר אַלערליי שטרויכלונגען. אָבער ווען מען נעמט אין אַכט, אַז טראָץ אַלע שוועריקייטן און שטערונגען, און אַזעלכע זענען פאַראַן אויף טריט און שריט, גרעלינגט אַ טעאַטער־קרייז זיך צו האַלטן אויף אַ באַדייטנדיקער קינסטלערישער הויך, הייסט עס, אַז ער האָט אַ סך דערגרייכט: אַז ער דערפילט אַ זייער וויכטיקע קולטור־פונקציע.

דאָס יידישע קולטור־לעבן איז מעלבורן וואָלט געווען אַ סך אָרעמער און טרויעריקער, ווען נישט דער דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז — דער טרעגער פון לעבעדיקן יידישן וואָרט: ווען נישט די איבערגעגעבענע חברה שפּילער — די טרייע דאַוונער פון אונדזער שענסטן פאָלקס־ספר: — ספר יידיש.

* * *

מיר האָבן זיך אויבן ברייטער אָפּגעשטעלט אויף דער טעטיקייט פון דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז, אָבער דאָס בילד פון יידישער טעאַטער־אַרבעט אין מעלבורן וואָלט נישט געווען פול, ווען מיר זאָלן נישט דערמאָנען אַ רייע אויפפירונגען פון פאַלגנדע אַרטיסטן:

משה פּאַטאַשינסקי און מילאַ וויסליץ, ביידע געראַטעוועטע פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָבן נאָכן אָנקומען קיין מעלבורן, געגעבן עט־לעכע קליינקונסט־אָוונטן. פּאַטאַשינסקי האָט אויך אויפגעפירט מיטן קרייזן אַ פּיעסע און אַ רעוויו. ביידע אַרטיסטן האָבן אָנטיילגענומען אין פאָרשטעלונגען מיטן דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז און אין אַ רייע „קדימה"־אונטערנעמונגען.





אַ טייל פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז און אייניקע פריינד פון קרייז צוזאַמען מיט רחל האַלצער און יוסף שיין אין 1964.

ערשטע ריי: (פון רעכטס צו לינקס): מ. ראָכלין ח. קאָטלאַזש ט. גינטער, רחל האָלצער, יוסף שיין, ג. זיידמאַן, ר. צעפּראָוו, ש. טיגעל.

צווייטע ריי: ל. פרידמאַן, ה. בערגנער, ח. ראָזענשטיין ס. מיגדאַלעק, ש. האָכגעלערנטער, י. מילכמאַן, ש שוואַרץ, ז. ברוסטמאַן מ. צעפּראָוו.

דריטע ריי: י. שער, ש. שער ש. מיגדאַלעק, ח. לייט, ג. טיגעל, א. וויגושין ר. לעוויטאַ



אַנטיילנעמער אין „בית הלל"
פון משה שמיר.
(איבערזעצונג: ה. גורט)
געשפּילט אין 1953.

רעזשי: יעקב ווייסליץ.

פון ל. צו ר.: יעקב לעווין, מילא ווייסליץ, יעקב ווייסליץ, רחל בעקער און יאַשאַ שער.



אַ סצענע פון „אַ מזלדיקער שטרייק" פון מייקל ברעט אין 1961.
איבערזעצונג: ח. ראַזענשטיין. רעזשי: רחל האַלצער.
פון ר. צו ל.: פּנינה קאָכען, שיע טיגעל, רחל האָלצער און יאַשאַ שער.

דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה"



דאָס בילד איז דערשינען אין דער טעגלעכער צייטונג „מעל־בורנער העראַלד" אין יאָר 1964, אין שייכות מיט דער 50־יאָריקער עקזיסטענץ פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז.

דאָס בילד ווייזט איינעם פון די לאַנג־יאָריקע שפּילער פון טעאַטער־קרייז יאַשאַ שער מיט איינער פון די יונגע מיט־גלידער פון קרייז חוה זילבערמאַן אין שלום־עליכמס „די בלאָנדזשענדיקע שטערן". רעזשי: יוסף שיין.






אויבן: אַ ריזיקער פּלאַקאַט פאַרן „פּאַלעי"־טעאַטער ווענן די פאַרשטעלונגען פון שמעון דזשיגאַן און כוכבה הרוי מיט די שפּילער פון טעאַטער־קרייז.
ביי דער זייט: כוכבה הררי.

אין מיטן: אַ טייל פון די אָנטיילנעמער אין די פאָרשטעלונגען: (פון ר. צו ל.): ש. טיגעל, ד. קליינמאַן, ר. לעוויטאַ, ש. דזשיגאַן, ר. מאַנדעלבאַום, ש. מינדאַלעק.

אונטן: שמעון דזשיגאַן.

דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה"

שרה און נתן גינטער און יהודה גרינהויז, פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, זענען אויסער אין אַ רייע פּיעסעס, אויפגעטראָטן מיט אייגענע רעוויעס און געזאַנג־אָוונטן.

אברהם ברייזבלאַט און פייוול סיוואַק, דער לעצטער פון „יונג־טעאַטער" אין וואַרשע, זענען אויפגעטראָטן מיט אַ רייע וואָרט־ און געזאַנג־קאָנצערטן. אַ. ברייזבלאַט האָט אויך געשטעלט מיטן קרייז אַ גאָלדפאַדן־פּיעסע.

ראַיאַ זאַמינאַ, ראובן שוויאַטלאַ און דעני קליינמאַן זענען אויפגעטרעטן אויף פאַרשידענע קאָנצערטן מיט יידישע און העברעאישע לידער. שוויאַטלאַ און זאַמינאַ האָבן אויך געגעבן גאַנצע לידער־אָוונטן.

דער גאַסט־קינסטלער פון אַמעריקע, דער באַקאַנטער זינגער סידאָר ביעלאַרסקי, איז אויפגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג אין אַ רייע לידער־קאָנצערטן.

די פּיאַניסטין מרים ראַכלין, אַ לאַנגיאָריקער געטרייער פריינד פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז, האָט מיטגעאַרבעט אין אַ גאַנצע רייע אויפפירונגען.

די אַקאָרדיאָן־ און פּיאַנאָ־באַגלייטערין פרידאַ ווילענסקי האָט אָנטיילגענומען אין פאַרשידענע קאָנצערטן און טעאַטער־אָוונטן.

אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע טעאַטער־אויפפירונגען האָבן געשריבן: מ. באַלבערישסקי, ה. בערגנער, אַ. זבאַר, ה. מוניץ, ל. פרידמאַן, י. קאַהאַן, י. קערש, י. ראַפּאַפּאָרט און ג. שאַיאַק.

און צום סוף אַ וואָרט וועגן „הבימה פּלעיערס", אַ טעאַטער־גרופּע, וועלכע האָט אויפגעפירט אַ רייע פּיעסעס אין ענגליש מיט יידישע פּראָבלעמען. צווישן אַנדערע אויך: „האָום אָף דע ברעיוו" פון אַרטור לאָרענץ און „מאַלי" פון גערטרוד בערג, רעזשיסירט דורך רחל האַלצער.

דאָס איז געווען אַ גרופּע יונגע טאַלענטירטע שפּילער. נאָך עטלעכע יאָר טעאַטער־אַרבעט איז דער „הבימה פּלעיערס"־קרייז זיך פונאַנדערגעפאַלן. אַ שאָד. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס קיינער פון דער גרופּע, כ'מיין די וועלכע האָבן גערעדט אַ גוטן יידיש, איז נישט אַריבער אין יידישן טעאַטער.

מעלבורן, יאַנואַר, 1966.